## תעודה

# רוסלאַנדער סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי

# הגדה של פסח

על־פּי נוסח חדש

אַרויסגעגעבן
פֿון דעם
אַלגעמיינעם יִדישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן

אַפּריל 1900 יאָר

די בראָשור איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געוועןאַרויסגעגעבן אין אַמעריקע. אין אַ פּאָר ערטער האָבן מיר עטוואָס געענדערט.

**בעור חמץ**

מע קומט אַהיים פֿון דער אַרבעט בײַ נאַכט, מע צינדט אָן אַ שטיקל ליכט, מע זוכט אויפֿן טיש, אין אייוועלע און אונטערן אייוועלע, אויף די פּאָליצעס און אונטער די פּאָליצעס, און אין אַלע ווינקעלעך. אפֿשר האָט זיך ערגעץ ווו פֿאַרוואַלגערט אַ שטיקל חמץ... צו פֿאַרטרײַבן דעם הונגער. געפֿינט מען ניט — נעמט מען דעם קולאַק צוקאָפּנס און מע לייגט זיך שלאָפֿן. געפֿינט מען צופעליק יאָ, דאַן זאָגט מען **כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְאִיכָּא בִרְשׁוּתִי** און מע עסט דאָס אויף בנשימה אחת ווי די עשרת בני המן, אַז עס בלײַבט ניט איבער אַ פּיצל, און דאַן זאָגט מען:

**הָא לַחְמָא עַנְיָא**, אָט אַזוי עסט מען און אַזוי ווערט מען פֿאַרשוואַרצט אויף דער וועלט. דעם גאַנצן טאָג האָרעוועט מען און אַז מע קומט בײַ נאַכט צו הויז, איז ניטאָ וואָס איבערצובײַסן. די ווײַב שלאָפֿט. די קינדער שלאָפֿן. האָבן זיי שוין געגעסן? ווער ווייס? געפֿינט מען עפּעס אין אייוועלע — איז דאָס עסן קאַלט און איבערגעשטאַנען — נאָר אַ בויך־ווייטיק, אַך־אַך... **הַשַּׁתָּא הָכָא**, איצטער האַלט דאָס אַזוי ווײַט, **לְשָׁנָה הַבָּאָה** — ווייס דער טײַוול ווי עס וועט זײַן...

(כאן הבן שואל)

טאַטע, איך וועל בײַ דיר פֿרעגן פֿיר קשיות:

**מַה נִּשְׁתַּנָּה**, מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פֿון שמואל דעם פֿאַבריקאַנט, פֿון מאיר דעם באַנקיר, פֿון זרח דעם מלווה, פֿון ר' טודרוס דעם רבֿ?

זיי טוען גאָרניט און האָבן צו עסן און צו טרינקען, סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט, כאָטש הונדערט מאָל, און מיר האָרעווען מיט אַלע אונדזערע כּוחות דעם גאַנצן טאָג, און בײַ נאַכט האָבן מיר ניט עסן אַפֿילו איין מאָל אויך ניט?

זיי האָבן גרויסע פּאַלאַצן, אויסגעפּוצט און אײַנגעריכטעט מיט אַלע וויגאָדעס, פּיל שיינע צימערן שטייען גאָר בײַ זיי ליידיק – און מיר ליגן צוזאַמענגעשטיקט אין אַ לאָך און מע וויל אונדז פֿון דאַנען אויך אַרויסוואַרפֿן?

זיי טוען גאָרניט און טראָגן די טײַערסטע קליידער – און מיר האָרעווען ווי אָקסן און האָבן ניט אַ העמד בײַם לײַב?

זיי עסן אָפּ אַ גוטן מיטאָג, טרינקען אַ גוטע גלאָז ווײַן און לייגן זיך שלאָפֿן אין אַ ווייכע, וואַרעמע בעט, און זײַנען כֻּלָּנוּ מְסוּבִּין – און מיר שפּאַרן זיך נאָר צו צו אַ ווינקעלע אויף אַ סיעניק (מאַטראַץ)* פֿון שטרוי, כּדי מיר זאָלן באַלד ווידער אויפֿשטיין צו דער אַרבעט?

טאַטע, ענטפֿער מיר אַ תּירוץ אויף אַלע פֿיר קשיות!

(דער טאַטע פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, קראַצט זיך די פּאַטילניצע, דערנאָך ענטפֿערט ער).

דער תּירוץ, מײַן קינד, איז אַזוי:

**עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם**, קנעכט, שקלאַפֿן זײַנען מיר געווען בײַ פּרעהן אין מצרים, און האָבן געקנאָטן ליים, געברענט ציגל, געבויט שטעט און געהאָרעוועט ווי אָקסן. דעמאָלט אָבער האָבן מיר נאָך געהאַט אַ גאָט, וואָס האָט מיטלײַד געהאַט מיט די אומגליקלעכע, האָט ער אונדז דורך געוואַלד באַפֿרײַט פֿון דער קנעכטשאַפֿט. הײַנט אָבער... הײַנט האַלט גאָט מיט די רײַכע. נאָר זיי אַליין האָבן אַ גאָט, דען אום (ווײַל, כּדי) אַ גאָט צו האָבן מוז מען באַצאָלן געלט. און פֿון וואַנען זאָלן מיר, אָרעמע אַרבעטער, נעמען געלט? הײַנט קאָנען מיר אויף גאָט ניט האָפֿן, אַז ער זאָל אונדז באַפֿרײַען, הײַנט האָבן מיר אויף זיך טויזנטער פּרעהס, וועלכע מאַטערן אונדז, וועלכע נעמען פֿון אונדז אַרויס אונדזערע כּוחות און צו וועלכע מיר זײַנען פֿאַרקויפֿט **אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ**. מיר דאַרפֿן זיך איצטער דערמאָנען מיט ליבע און זענזוכט (בענקשאַפֿט) אָן יציאת מצרים מבית־עבֿדים און ריידן אַרום דעם ווי טאָג אַזוי נאַכט, און דערציילן צו אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, **וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח**.

**מַעֲשֶׂה בר׳ שְׁמוּאֵל** דעם פֿאַבריקאַנט, בר׳ מאיר דעם באַנקיר, בר׳ זרח דעם מלווה, בר׳ טודרוס דעם רבֿ, ווי דיזע אַלע שיינע מענטשעלעך זיצן זיך צוזאַמען, טרינקען זיך אַ גלעזעלע גוטע ווײַן און קלערן אויך אַרום ׳יציאת מצרים׳. די מעשׂה אָבער מיטן פּראָסטן פּשט געפֿעלט זיי גאָרניט. סטײַטש, זאָגן זיי, קנעכט מאַכן אַ בונט און באַפֿרײַען זיך?! ווו וועלן מיר דען אין דער וועלט אַהינקומען? ניין, דער פּראָסטער פּשט טויג דאָ פֿאַר אונדז גאָרניט. מיר מוזן זוכן אַן אַנדערן דרש. מיר מוזן זיך קיין צײַט ניט געבן דיזן פּראָסטן פּשט צו פֿאַרשטיין. דערנצמאָל שטעלט זיך אַוועק ר׳ שמואל און דרשנט: ׳**כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ – הַלֵּילוֹת**, דײַן גאַנצעס לעבן זאָל נאָר זײַן בײַ נאַכט, בײַ טאָג אָבער זאָלסטו זײַן מײַנער, מײַן קנעכט, מײַן שקלאַף, זאָלסט בײַ מיר אַרבעטן אין פֿאַבריק און פֿאַרשוואַרצט ווערן׳. ר׳ טודרוס דער רבֿ שטעלט זיך אַנידער, פֿאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, און זאָגט: ׳**כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ – לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ**. אַרבעט, נאַרעלע, האָרעווע, ווער פֿאַרשוואַרצט; דערפֿאַר אַז משיח וועט קומען, וועט דיר זײַן גוט. דו וועסט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן׳. אָבער

חכמים אומרים, די אמתע קלוגע מענטשן קומען און זאָגן: 'יְמֵי חַיֶּיךָ — הָעוֹלָם הַזֶּה, דער מענטש לעבט נאָר איין מאָל אויף דער וועלט און דאָס לעבן דאַרף ער געניסן און וויסן, אַז ער איז פֿרײַ.[1] **לְמַעַן תִּזְכּוֹר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** — — דו זאָלסט געדענקען, אַז דו האָסט זיך שוין לאַנג באַפֿרײַט פֿון קנעכטשאַפֿט און דאַרפֿסט לעבן אַ מענטשלעך לעבן'.[2]

**בָּרוּךְ הַמָּקוֹם**,[3] געבענטשט זאָל זײַן דער אָרט און געבענטשט זאָל זײַן די צײַט, וואָס האָבן אונדז געגעבן אָט דיזע קלוגע און וואַרע מענטשן, וועלכע עפֿענען אויף אונדזערע אויגן. **כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה**, עס האַנדלט זיך אום פֿיר סאָרטן מענטשן, אום פֿיר קלאַסן: **אֶחָד חָכָם, אֶחָד רָשָׁע, אֶחָד תָּם, וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל.**

**חָכָם מַה הוּא אוֹמֵר**, וואָס זאָגט דער חכם? דער חכם פֿרעגט: **מַה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹהֵינוּ אֶתְכֶם**, וואָס זײַנען דאָס עפּעס פֿאַר געזעצן, וואָס גאָט האָט אײַך געגעבן? ווי קען דען אַ גאָט געבן אַזעלכע געזעצן, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל אַרויסגעשלעפּט ווערן האַרעוועדיק און קוים האָבן מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן, און אַ קליינע טייל זאָל פֿון זיי אַלץ אַוועקנעמען און פֿאַרשווענדן און אויסברענגען און לעבן אין אַ ים פֿון פֿאַרגעניגן?

**רָשָׁע**[4] **מַה הוּא אוֹמֵר**, דער רשע, דער פּאַראַזיט, זאָגט: **מַה הָעֲבוֹדָה הַזֹּאת לָכֶם?** — וואָס איז פֿאַר אײַך די אַרבעט, פֿאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט אַרבעטן? אַ מענטש מוז דאָך אַרבעטן! 'אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס! אַרבעט, אַרבעט קינדערלעך!' **לָכֶם וְלֹא לוֹ** — נאָר אונדז הייסט ער אַרבעטן און פֿאַרשוואַרצט ווערן. נאָר אונדז. און ער אַליין שטעקט אַ פֿינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַרײַן און לעבט פֿון אונדזער פּראַצע! און ווײַל ער נעמט זיך אַרויס פֿון כּלל, איז ער אַ 'כּופֿר בעיקר', ער לייקנט אָפּ די פֿונדאַמענטאַלע וואַרהייט (אמת), אַז אַלע מענטשן זײַנען גלײַך געבאָרן, און גלויבט ניט אין דער באַפֿרײַונג פֿון דער מענטשהייט; דעריבער האָבן מיר מיט אים ניט וואָס צו מאַכן **וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו**, אים זאָלסטו נאָר אויסזעצן די ציינער און זאָגן: 'געדענק, דאָס מיר האָבן זיך שוין אַ מאָל באַפֿרײַט פֿון דעם שקלאַפֿן־הויז, פֿון מצרים, און מיר וועלן זיך נאָך פֿון דעם הײַנטיקן יאָך אויך געוויס באַפֿרײַען. מיר און ניט ער, דען דיזע שקלאַפֿן־זעעלע (נשמה) איז אונדזער אמתער פֿײַנד; ער וויל ניט די ערלייזונג און וועט מוזן אונטערגיין'.[5]

**תָּם מַה הוּא אוֹמֵר**, דער פּראָסטער איינפֿעלטיקער מענטש פֿרעגט: **מַה זֹּאת?** וואָס גייט דאָ פֿאָר צווישן אײַך? איבער וואָס קריגט איר זיך? וועגן וואָס שטרײַט איר? וואַרום (פֿאַר וואָס) זאָלט איר ניט אָפּמאַכן אײַער עסק אין גוטן מוט? **וְאָמַרְתָּ אֵלָיו**, אים זאָלסטו ענטפֿערן: '**בְּחֹזֶק יָד**, נאָר דורך געוואַלד זײַנען מיר באַפֿרײַט געוואָרן פֿון מצרים און נאָר דורך געוואַלד וועלן מיר זיך אויך איצט באַפֿרײַען'.

**וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל — אַתְּ פְּתַח לוֹ**, ווען איינער ווייס גאָרניט וואָס צו פֿרעגן, אים זאָלסטו אַליין בקיצור דערציילן די גאַנצע געשיכטע פֿון אונדזער אַמאָליקער און הײַנטיקער קנעכטשאַפֿט, און זאָלסט אים אַזוי זאָגן:

**מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ**, שוין פֿון פֿרי אָן האָבן אונדזערע עלטערן געאַרבעט פֿאַר פֿרעמדע,[6] פֿאַר פּריצים, גבֿירים, רבנים און אַנדערע כּלי־קודש.

אָבער דאָס איז שוין געווען אויף אַ העכערע ענטוויקלונגס־שטופּע. נאָר פֿריִער זײַנען זיי גאָר געווען ווילד, פֿלעגן זיך אַרומשלעפּן סטאַדעסווײַז, אומבאַהילפֿלעך, אָן שום געווער, גאַנץ אָפּהענגיק פֿון זייער וווינאָרט, אַקוראַט ווי ווילדע חיות, און געיאָגט פֿון ביטערן הונגער, פֿלעגן זיי זיך שטענדיק הרגענען איין סטאַדע מיט דער אַנדערער פֿאַר יעדעס ביסל שפּײַז. דערבײַ פֿלעגן שטאַרקערע די שוואַכערע גאָר פּשוט אויפֿפֿרעסן.[7] מיט דער צײַט אָבער, אַז מען האָט דערפֿונען פֿאַרשיידענע ווערקצײַגע (מכשירים) און געווער, איז מען געוואָרן אַ ביסל אומאָפּהענגיקער פֿון וווינאָרט, ווײַל מען האָט שוין געקאָנט מאַכן זאַפּאַסן פֿון שפּײַז און מען האָט שוין ניט באַדאַרפֿט יעדע מינוט דאגהן פֿאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג. מלחמה צו האַלטן און הרגענען זיך האָט מען אַפֿילו דעמאָלט אויך ניט אויפֿגעהערט, אָבער עס איז שוין געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן פֿריִער און איצט. פֿריִער האָבן די געפֿאַנגענע ניט געקאָנט ברענגען קיין שום נוצן, ווײַל יעדערער האָט מיט די גרעסטע מאַטערנישן זיך קוים אַליין געקאָנט דערהאַלטן. זיי האָבן געטויגט פֿאַר די זיגער אויף כּפּרות. אַחוץ וואָס מען האָט זיי געקאָנט אויפֿעסן. און די באַזיגער האָבן טאַקע ניט געמאַכט קיין שהיות און האָבן די געפֿאַנגענע טאַקע אויפֿגעפֿרעסן. איצט אָבער, אַ דאַנק דעם וואָס יעדערער איז געווען אין שטאַנד מיט דער הילף פֿון די ווערקצײַגע (מכשירים) און געווער ניט נאָר זיך אַליין צו דערהאַלטן, נאָר אַפֿילו מאַכן זאַפּאַסן, איז פֿאַר די באַזיגער געווען פֿיל מער ווײַגאָדנע (באַקוועם) אַנשטאָט די געפֿאַנגענע אויפֿצופֿרעסן, זיי בעסער מאַכן פֿאַר קנעכט, וועלכע מוזן זייערע האַרן אַלץ אַוועקגעבן וואָס זיי האָרעווען אויס.

עס איז אַזוי אַנטשטאַנען די שקלאַפֿערײַ. אָבער בײַ דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון נאָר געפֿאַנגענע איז דאָס ניט געבליבן. אַ דאַנק דער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג האָבן זיך אַ קליינע טייל מענטשן, וועלכע עס זײַנען פֿעיִקער געווען צו מלחמה, געשטעלט בראש, ביסלעכווײַז אַרײַנגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און אונטערױאָכט אַלע איבעריקע מענטשן. אַלע שקלאַפֿערײַען, אַלע אונטער־דריקונגען, וואָס זײַנען געווען פֿון דעמאָלט אָן אויף דער גאַנצער וועלט בײַ אַלע פֿעלקער, שטאַמען נאָר פֿון די עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן. אָבער אַ דאַנק די זעלביקע עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן ציט זיך אויך פֿון דער צײַט אָן דורך דער גאַנצער געשיכטע, דורך טויזנטער יאָרן, אַן אומאויפֿהערלעכע מלחמה צווישן אונטערדריקער און די אונטערדריקטע, צווישן די שקלאַפֿן און די הערשער.[8] די שקלאַפֿן פֿלעגן אַפֿילו אימער (תּמיד) מנצח זײַן, אָבער דאָס שרעקלעכע אונגעהויער (געשפּענסט) — די שקלאַפֿערײַ, פֿלעגט יעדעס מאָל נאָר אָננעמען אַן אַנדער געשטאַלט, אַ ביסל אַ בעסערע ווי פֿריִער, אָבער אים גרונדע (ביסוד) איז זי געבליבן דאָס זעלבע טיִער (די זעלבע חיה), אַזוי האָט זיך די מענטשן־פֿרעסערײַ אומגעוואַנדלט אין שקלאַפֿערײַ, האָט אין פֿאַרלויף פֿון יאָרטויזענדע (טויזנטער יאָרן) אָנגענומען אַלץ נײַע און נײַע געשטאַלטן, ביז עס האָט זיך אַרויסגעבילדעט די הײַנטיקע, די קאַפּיטאַליסטישע קנעכטשאַפֿט, ווו עס שײַנט (עס דאַכט זיך), אַז יעדער מענטש קאָן האַנדלען פֿרײַ, איז אָבער אין דער אמת אַ שקלאַף, אַן עבֿד, פֿילײַכט (אפֿשר) נאָך מער ווי אַ מאָל.

**צֵא וּלְמַד**, נעם אין באַטראַכט, וואָס האָבן געוואָלט די פֿאַרצײַטיקע האַרן פֿון זייערע קנעכט? זיי זאָלן פֿאַר זיי אַרבעטן און מאַכן אַלץ וואָס זיי ברויכן. ווען אָבער אַ מענטש אַרבעט, מוז ער עסן; נון, פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי פֿלעגן האָבן וואָס צו עסן; אָבער וואָס זיי פֿלעגן אויסאַרבעטן מערער ווי זיי האָבן געהאַט נייטיק, פֿלעגן די האַרן צונעמען און פֿלעגן זיך לעבן אַ גוטן טאָג פֿון זייער [די קנעכט] ביטערע פֿראַצע. די האַרן פֿלעגן זאָרגן, אַז די שקלאַפֿן זאָלן ניט אויסשטאַרבן פֿון הונגער און פֿון קעלט, וואָרעם ווען אַ שקלאַף שטאַרבט, האָט זײַן האַר היזק. פּרעה האָט גוזר געווען מער ניט ווי אויף זכרים – ווי איז אָבער איצטער? די גזרה (איז) אויף אונדז אַלעמען, אויף אונדז אַרבעטער, וואָס מוזן פֿאַרקויפֿן זיך זעלבסט (אַליין), אונדזערע פֿרויען, אונדזערע קינדער פֿאַר אַ הונגער־לוין צו די מײַסטערס און דאַן איז אונדזער לאַגע נאָך אומבאַשטימטער און אומזיכערער ווי די לאַגע פֿון די פֿאַרצײַטיקע שקלאַפֿן. מיר קאָנען נאָר דאַן שטילן אונדזער הונגער, ווען די רײַכע דינגען אונדז צו אַרבעטן פֿאַר זיי. ענדיקט זיך אָבער בײַ זיי די אַרבעט, דאַן קימערן (דאגהן) זיי זיך וועגן אונדז ניט מער. פֿון זייערטוועגן מעגן מיר אַלע קראַפּירן (אויסגיין) פֿון הונגער. וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט, האָבן מיר זיי געמאַכט. מיר האָבן געבויט הײַזער און מיר ליגן אויפֿן גאַס, מיר האָבן שפּײַז געשאַפֿן און צוגעגרייט, און מיר זײַנען הונגעריק, מיר האָבן קליידער פֿאַרפֿאַרטיקט און מיר זײַנען 'עֵרוֹם וְעֶרְיָה', אומגעריסן און אומגעשליסן, נאַקעט און באָרוועס.

**וַיָּרֵעוּ אוֹתָנוּ**, אונדזערע הײַנטיקע האַרן האָבן אונדז באַהאַנדלט און באַהאַנדלען אונדז אונטער דער מאַסקע פֿון גלײַכקייט און פֿרײַהייט, וועלכע די 'חיה רעה' די שקלאַפֿערײַ' האָט לפֿנים אָנגענומען, פֿיל ערגער אַלס די פֿאַרצײַטיקע האַרן. **וְהָיָה כִּי תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה**, קומט פֿאָר אַ מלחמה, שיקט מען אונדז געהרגעט צו ווערן. באַדאַרף מען האָבן געלט, זײַנען דערויף געמאַכט **שָׂרֵי מִסִּים**, וואָס רײַסן פֿון אונדז צינזן, טאַקסעס, פּאָדאַטקעס, קאָראָבקעס (מיני שטײַערן). ברויכן אונדזערע האַרן פֿעסטונגען, מאַגאַזינען, פּאַלאַצן – מיר בויען די **עָרֵי מִסְכְּנוֹת**. **וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבוֹדָה קָשָׁה**. אַך, די עבֿודה קשה, די עבֿודה קשה! האָבן מיר דען נאָך אַ טראָפּן בלוט, וואָס זאָל ניט זײַן פֿאַרגיפֿטעט, נאָך אַ גליד, וואָס זאָל ניט זײַן אָפּגעשוואַכט און אָפּגעשטומפּט (אָפּגעטעמפּט) פֿון דער אָ שווערער לײַב־און־זעעלעטויטנדער לײַב־און־לעבנטויטנדיקער) אומנאַטירלעכער צוואַנג־אַרבעט!

**וַנִּצְעַק אֶל ה'**, ביז אַהער האָבן מיר געשריִען צו גאָט, איז אונדז אָבער דערפֿון בעסער געוואָרן? איז אונדזער אומגליק לײַכטער געוואָרן? מיר שרײַען נאָר, מיר ...יפּצן פֿון דער אַרבעט, האָט ווער דערהערט אונדזער שטימע? האָט איינער ...ערזען **אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ**? 'אֶת עָנְיֵנוּ' – דאָס ווייס יעדערער פֿון ...ונדז – פּשוט, דאָס קוועלן זיך (פּלאָגן זיך) פֿאַר דער שטיקל חיונה; 'וְאֶת עֲמָלֵנוּ' – **...לוּ הַבָּנִים**, אונדזערע אָרעמע אומגליקלעכע קינדער. זיי האָבן נאָך אויף דער ...עלט קיין גליקלעכע שטונדע (שעה) ניט געזאָסן, און מיר זעען זיי שוין אַלס ...קלאַפֿן פֿון דער פֿריִער יוגנט! 'וְאֶת לַחֲצֵנוּ – זֶה הַדְּחַק', די שרעקלעכע, ...מדערטרעגלעכע אונטערדריקונג. און ווײַל קיינער הערט אונדז ניט און קיינער ...לפֿט אונדז ניט, דאַרפֿן מיר אויף קיינעם זיך ניט פֿאַרלאָזן. מיר וועלן ניט

געהאָלפֿן ווערן לֹא עַל יְדֵי מַלְאָךְ וְלֹא עַל יְדֵי שָׂרָף. אונדזער באַפֿרײַונג איז אין אונדזז אַליין. מיר וועלן זיך אַליין העלפֿן – וְלֹא עַל יְדֵי שָׁלִיחַ, מיר אַליין – וְלֹא אַחֵר! בְּיָד חֲזָקָה, וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְמוֹרָא גָּדוֹל, וּבְאוֹתוֹת וּבְמוֹפְתִים!

**בְּיָד חֲזָקָה,**[10] **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר,** ווי עס שטייט געשריבן בײַ אונדזער דיכטער:
ווען דײַן שטאַרקער אָרעם וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל.

**וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה, כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר,** ווי אונדזערע העלדישע פּאָרקעמפּער האָבן אונדז צוגערופֿן:

'האַלט הויך מיט אויסגעשטרעקטע הענט אונדזער רויטע פֿאָן פֿון סאָציאַליזמוס!'

**וּבְמוֹרָא גָּדוֹל,** אַ מורא וועט אָנפֿאַלן אויף די קאַפּיטאַליסטן, און זיי וועלן דערזען ווי די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף פֿאַר זייער באַפֿרײַונג.

**וּבְאוֹתוֹת – זֶה הַמַּטֶּה,** אַרבעטער, נעמט דעם שטעקן![11]

**וּבְמוֹפְתִים – זֶה הַדָּם,** אומשולדיקעס בלוט פֿון טויזנטער אַרבעטער, וואָס ווערן צעקוועטשט אין די מאַשינעס, דערהרגעט בײַ דער אַרבעט, שרײַט צו די אַרבעטער וועגן נקמה: [12]

**דָּם וָאֵשׁ וְתִמְרוֹת עָשָׁן!**

הער־גאָט־טײַוול־קרייץ־מיליאָנען־האָגל־דונערוועטער! מיר זאָלן דאָך אַ מאָל באַפֿרײַט ווערן!

און ווען מיר וועלן דאָס האָבן געטאָן, וועלן מיר אָנפֿאַנגען (אָנהויבן) צו פֿילן, אַז מיר זײַנען אויך מענטשן, און מיר וועלן לעבן און אַרבעטן ווי פֿרײַע מענטשן. דער מענטשלעבער פֿאַרשטאַנד וועט אימער (תּמיד) גובֿר זײַן די נידעריקע, טירישע (חיהשע) תּאוות, און מיר וועלן זינגען אַ נײַע, אַ פֿריילעכע ליד, און די קאַפּיטאַליסטישע 'חיה רעה' וועלן מיר ברענגען פֿאַר אַ קרבן **לְכַפֵּר עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ.**

(עד כאן אומרים בשבת הגדול)[13]

| | | |
|---|---|---|
| **רֶצַח** | **מַשָּׂא** | **וּמָרוֹר** |
| מאָרד | לײַדן | און ביטערניש |

**רֶצַח, שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים** אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ. ער זאָגט אַז וואָס אונדזערע אָבֿות אַבֿותינו האָבן פֿון אייביק אָן געגעסן איינער דעם אַנדערן, האָבן ביטער געקעמפּט און זיך געריסן צוליב חיונה, צוליב פֿאַלשע דעות, צוליב פּוסטע זאַכן, און האָבן געמאָרדעט און פֿאַרגאָסן בלוט ימים־ווײַז, מוזן מיר אויך טאָן, און די וועלט וועט ניט אַנדערש ווערן: פֿאַרצײַטן זײַנען געוועזן די הערשער איבער די פֿילע, איין דעספּאָט האָט געהאַלטן פֿעלקער אונטער זײַנע פֿיס, און אַזוי וועט עס אימער (תּמיד) בלײַבן, **וַיִּקֹּד הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ,** דאָס פֿאָלק וועט זיך אימער (תּמיד) בייגן און דרײַען און בוקן.

**מַשָּׂא, זוֹ שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים** אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ. און דעריבער, זאָגט ער, מוז דאָס פֿאָלק איצטער אויך לײַדן, ווען מיר עסן איינער דעם אַנדערן, ווײַל אַנדערש קאָן דאָס ניט

זײַן, **שֶׁנֶּאֱמַר**, ווײַל אַזוי איז עס געזאָגט, אַז ווען מע רײַסט ניט און ווען מע צופּט ניט האָט מען ניט, **וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ**, און מען טאָר ניט מאַכן צו פֿיל שהיות, **וְגַם צֵדָה לֹא עָשׂוּ לָהֶם**, אַז ניט, האָט מען ניט וואָס צו עסן.

**מָרוֹר זֶה שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים – עַל שׁוּם מָה?** און דאָס ביטערניש וואָס מיר נעמען איין איידער מיר ווערן אויפֿגעפֿרעסן, ווייסט איר צוליב וואָס דאָס איז? צוליב דאָס וואָס מיר מוזן דורכפֿירן איבערמענטשלעכע אַרבעט, **אֶת כָּל עֲבוֹדָתָם אֲשֶׁר עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ**, אַלע אַרבעט וואָס דאָס פֿאָלק מאַכט איז אַלץ איבערמענטשלעך, צו פֿיל אויף אַ מאָל, און אַזאַ אַרבעט שוואַכט אָפּ דעם קערפּער מיט דעם גײַסט צוזאַמען.[15]

**בְּכָל דּוֹר וָדוֹר**, אין יעדן דור זײַנען געווען קלוגע און ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן דאָס אַלעס (אַלץ) געזען און פֿאַרשטאַנען, און האָבן דערקלערט, **אַז חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא**, יעדער מענטש מוז זיך אַליין באַטראַכטן דאָס ער איז 'ער', דאָס ער איז אַ פּערזאָן, אַ מענטש ווי יעדער אַנדערער, מיט אַלע רעכט אויף די געניסע (הנאות) פֿון לעבן ווי יעדער אַנדערער, און איז געבאָרן פֿון דער נאַטור פֿרײַ צו לעבן און צו געניסן, און די פֿרײַהײַט טאָר קיינער פֿון אים ניט אַוועקרויבן. וואָס אַ דור ווײַטער ווערט דער דאָזיקער הייליקער געדאַנק [געלויבט איז ער] אַלץ שטאַרקער און ברייטער, און מיר האָפֿן איצטער, אַז ער וועט אונדז פֿירן[16] **לָתֶת לָנוּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתֵינוּ**, אַז ער וועט אונדז געבן די וועלט, וועלכע ער האָט שוין אונדזערע עלטערן פֿאָרגעשפּיגלט (אַזוי ווי צוגעזאָגט), ער וועט אונדז ערלויזן (דערלייזן) און געבן משיח־צײַטן.

(דעק צו די 'מַשָּׂא', מיט די 'מָרוֹר' ווען דו טראַכסט פֿון דער צוקונפֿט און זאָג):[17]

**לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ חַיָּבִים**, דעריבער זײַנען מיר מחויבֿ צו באַשפּרעכן (אַרומצורײדן), צו דערקלערן, צו פֿונאַנדערלייגן, צו פֿאַרברייטערן דעם גרויסן **מענטשלעבן** געדאַנק פֿון פֿרײַהייט און פֿון גלײַכהייט און פֿון דעם אַלגעמיינעם רעכט צו לעבן און צו געניסן,[18] ווײַל נאָר ער איז אימשטאַנד (מסוגל) אונדז אַרויסצוציִען **מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת**, פֿון שקלאַפֿעריי צו פֿרײַהײַט, **מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה**, פֿון טרויער צו פֿרייד, **מֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב**, פֿון יאָמער צו גוטע טעג, **וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל**, פֿון פֿינצטערניש צו אַ גרויסן ליכט, **וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה**, פֿון אונטערוואָרפֿנקייט צו זעלבסטשטענדיקייט, **וְנֹאמַר לְפָנָיו שִׁירָה חֲדָשָׁה**, און מיר וועלן אים זינגען אַ נײַעס ליד, אַ הערלעכעס ליד, **הַלְלוּיָהּ**!

**הַלְלוּיָהּ**! – לויבט אים, איר ערלעכע לײַט, פֿאַרערט זײַן נאָמען – 'פֿרײַהייט'! דער נאָמען זאָל געבענטשט זײַן פֿון איצט ביז אין דער אייביקייט! פֿון מזרח ביז מערבֿ זאָל גערימט ווערן דער נאָמען 'פֿרײַהייט'! איבער אַלע פֿעלקער האָט זי זיך אויפֿגעהויבן, ביז צום הימל האָט זי דערגרייכט. זי האָט דערגרייכט דעם הימל און צעטריבן די געטער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און צעבראָכן די קייטן! זי הויכט (אָטעמט) אויף דעם עלנטן פֿון שטויב, דעם אָרעמען פֿון שמוץ רײַסט זי אַרויס! און שטעלט זיי גלײַך מיט די איידעלע, מיט די ערשטע פֿון נאַציאָן (פֿאָלק). די הויז־פֿרוי, די מוטער, די שקלאַפֿן זעט זי גלײַך מיט די זין; זי געניסט מענטשלעכע גליק און פֿרייט זיך – **הַלְלוּיָהּ**!

**בְּצֵאת הָעָם מִמִּצְרָיִם**, ווען אַ פֿאָלק כאַפּט זיך אַרויס פֿון דער ענגשאַפֿט און

קעמפֿט פֿאַר זײַן באַפֿרײַונג, ווען זײַן רעבט איז זײַן הייליקטום און זײַן מענטשלעכער באַוווסטזײַן באַהערשט אים — דאַן ברויזט ער אויף ווי דער ים, ווי ווילדע פֿלוטן (געוויסערס) צעגיסט זיך דאָס! בערג שפּרינגען פֿאַר אימה, וואַלן (כוואַליעס) ווערן אײַנגעזונקען. וואָס ברויזסטו דען, ים? וואָס צעגיסט איר זיך ווילדע פֿלוטן (געוויסערס)? וואָס שפּרינגט איר בערג? און וואָרום (פֿאַר וואָס) פֿאַרזינקט איר שטאַרקע וואַלן (כוואַליעס)? פֿאַר דעם הערשער פֿון דער וועלט, פֿאַר דער שטאַרקער מאַכט פֿון פֿאָלק, וואָס ווירקט און שאַפֿט און צוויבערט און בויט פּאַלאַצן פֿון שטיינער, און פֿון דער ערד ציט ער ברויט![19]

**בָּרוּךְ אַתָּה**, געלויבט ביסטו, הייליקער רעיון, וועלכער האָט קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט צו וועקן דעם מענטשן, ער זאָל זיך אויפֿכאַפּן און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די קייטן פֿון שאַנד, פֿון לײַדן און דערנידערונג, און וועלכער וועט אונדז ענדלעך ברענגען **לְמוֹעֲדִים וְלִרְגָלִים (אֲחֵרִים) הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם**,[20] צו גוטע און פֿריילעכע צײַטן, און מיר וועלן אים דאַנקען **עַל גְּאֻלָּתֵנוּ וְעַל פְּדוּת נַפְשֵׁנוּ**, פֿאַר אונדזער קערפּערלעכער און גײַסטיקער דערלייזונג. **בָּרוּךְ אַתָּה**, געלויבט ביסטו, דערלייזער פֿון דער מענטשהייט!

**שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ**, גיס אַראָפּ וואַרעמקייט אויף די פֿעלקער, וואָס קאָנען דיך נאָך ניט און אויף די נאַציעס, וואָס האָבן דײַן נאָמען ניט גערופֿן.[21] זיי פֿרעסן זיך איינער דעם אַנדערן און פֿאַרוויסטן זיך איינער אַליין, גיס אַראָפּ אויף זיי דײַן ליבט, און דײַן שטראַל זאָל זיי דערגרייכן, פֿאַרטרײַב די פֿינצטערניש און ראָט אויס די קנעכטשאַפֿט פֿון אונטער (צווישן) זיי!

**לֹא לָנוּ, לֹא לָנוּ**, ניט פֿאַר אונדז זײַנען אַזעלכע געדאַנקען! אַזוי זאָגט אַ געוויסער קלאַס: מיר האָבן אַ גאָט אין הימל און ער טוט וואָס ער וויל. ער ריכטעט אײַן (אָרדנט אײַן) די וועלט, און נאָך זײַן אײַנריכטונג (סדר) מוזן מיר לעבן. **עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם**, זייערע געצן זײַנען אָבער גאָלד און זילבער, געשאַפֿן פֿון מענטשלעכע הענט. די דאָזיקע לײַט האָבן אויגן און זעען ניט, ווי דער אַלטאַר ווערט אונטערגעבראָכן אונטער זייערע אָפּגעטער. זיי האָבן אויערן און הערן ניט, ווי דער שטורעם בלאָזט; האָבן מוחות און באַגרײַפֿן ניט, דאָס (אַז) די געטער מוזן פֿאַלן, ווי אַלע פֿריִערדיקע געמאַכטע געטער, און צוזאַמען מיט זיי וועלן אויך פֿאַלן אַלע וואָס פֿאַרטרויען זיי — אַלע, פֿאַר וועמען גאָלד איז די איינציקע הילף און שוץ.

**מִן הַמֵּיצַר**, פֿון דער ענגשאַפֿט, פֿון דער אונטערדריקונג הייבן זיך פֿעלקער אויף, זיי קעמפֿן און ווערן פֿרײַ. זײַנען זיי נאָר איניק, דאַן האָבן זיי קיין מורא ניט. וואָס קאָן זיי ווער טאָן? ווען זיי העלפֿן זיך אַליין, דאַן ציטערן דעספּאָטן! עס איז בעסער צו פֿאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, אַלס (איידער) צו פֿאַרלאָזן זיך אויף דעמאַגאָגן. עס איז בעסער צו שטיצן זיך אַליין, אַלס (איידער) צו פֿאַרלאָזן זיך אויף אַריסטאָקראַטן. דאָס לערנען איצט די פֿעלקער און זיי קעמפֿן פֿאַר פֿרײַהייט, זייער שוץ און זייער פֿעסטונג. זייער מעכטיקער אָרעם איז הויך געהויבן, דער אָרעם פֿון פֿעלקער טוט וווּנדער. מיר ווילן ניט שטאַרבן, מיר ווילן **לעבן** און געניסן פֿון אונדזער אַרבעט! עפֿנט אונדז שנעל די טויערן פֿון גליק, לאָמיר אויך דאָרט אַ מאָל

פֿאַרווײַלן! מיר זײַנען גענוג געפּײַניקט געוואָרן, עס מוז ענדלעך אויך קומען די רעטונג!

אַרבעטער, אויפֿגעוואַכט! אַרבעטער, אויפֿגעוואַכט!

פּראָלעטאַריער, פֿאָרווערטס! פּראָלעטאַריער, פֿאָרווערטס!

**בָּרוּךְ הַבָּא**, ווילקאָמען (אָנגעלייגט) זײַט יעדערער, אין נאָמען פֿון דער באַפֿרײַונג, ווער עס גיט אַ האַנט צו דער גוטער זאַך.

גייט מיט דעם פֿאָרטשריט (פּראָגרעס), ער איז גוט

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

ער באַווײַזט גאָר זעלטענע וווּנדער

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

ער ברענגט ליכט אין דער פֿינצטערניש

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

ער צעברעכט די אײַזערנע קראַטעס

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

ער צעשמעטערט די דעספּאָטן

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

און באַפֿרײַט פֿון זיי די לענדער

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

און פֿאַרטיילט דאָס לאַנד צו פֿעלקער

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

צו פֿעלקער וואָס האָבן לאַנג געליטן

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

און גיט נאַרונג (שפּײַז) צו אַלעמען גלײַך

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

לויבט דעם דערלייזער, דעם פֿאָרטשריט (פּראָגרעס)

זײַן ווירקונג דויערט אייביק.

**נִשְׁמַת כָּל חַי – וְרוּחַ כָּל בָּשָׂר**, דו ביסט די זעעלע (נשמה) פֿון אַלץ וואָס לעבט, דער הויך (אָטעם) פֿון אַלע לײַבער! דורך דיר האַלט זיך אַלעס (אַלץ) אין שטענדיקער אַנטוויקלונג אין פֿאָרטווערנדער (אָנאויפֿהעריקער) ענדערונג, אין אייביקן גאַנג אויף דעם וועג צו דער פֿולקאָמענהייט (שלמות). דו האָסט קיין אָנפֿאַנג (אָנהייב) און האָסט קיין ענדע (סוף), דו באַהערשסט די נאַטור. די וועלט גייט נאָך דײַנע געזעצן, און אַלע ברואים גייען פֿאָרווערטס (פֿאָרויס) נאָך דיר! דו ביסט אימער (תּמיד) דאָ און הערסט קיין מאָל ניט אויף! דו וועקסט אויף פֿון שלאָף טויטע אַטאָמען, שטעלסט זיי צוזאַמען צו לעבעדיקע מאַשינען, דו לאָזט זיי וואַקסן און געדײַען, און נאָכהער (נאָך דעם) זיך ווידער אויפֿלייזן צו אונזיכטבאַרע (אומזעיִקע) אַטאָמען אין דעם וועלט־אַל (אַלוועלט)! ווען אונדזער מונד (מויל) זאָל האָבן אַזוי פֿיל רייד, ווי דער גרויסער ים וואַסער, און אונדזער צונג ווערטער, ווי דער ים כוואַליעס, און ווען אונדזערע אויגן זאָלן אַלעס (אַלץ) בעזען (זען), ווי די

זון און די לבָנה, וואָלטן מיר אויך ניט באַוויזן אויסצורעבעגען איין מיליאָן טייל פֿון די אַלע פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון ענדערונג און אַנטוויקלונג, וועלכע דו, אַלמעכטיקער פֿאַרשטריט (פּראָגרעס), ברענגסט הערפֿאָר (אַהער)! דאָס זאָגן אַלע גלידער אין אונדזער קערפּער, דאָס זאָגט די פֿאַרנונפֿט (חכמה) פֿון אונדזער מוח, און די צונג ביַי אונדז אין מויל. און דו ביסט עס, גרויסער פֿאָרטשריט (פּראָגרעס), וועלכער האָט דעם מענטשן אַרויפֿגעפֿירט אויף דעם ריכטיקן געדאַנק, דאָס (אַז) די מענטשהייט דאַרף זיך ניט קעגנזייַטיק באַקעמפֿן און פֿאַרצערן, זאָנדערן (נייַערט) מיט פֿאַרייניקטע קרעפֿטן זוכן איר גליק אין די רייַכע אוצרות פֿון דער נאַטור. **מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגּוֹזְלוֹ**, דו רעטעסט (ראַטעוועסט) דעם שוואַכן פֿון די קלויען (נעגל) פֿון דעם שטאַרקן און דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון קאַפּיטאַל, וועלכער באַראַבעוועט אים.

**וּבְכֵן – וַיְהִי בְּחֶשְׁכַּת לַיְלָה**

[די רעוואָלוציאָנערע ווירקונג האָט ניט אויפֿגעהערט אין דער פֿינצטערסטער נאַכט].

**אָז רוֹב נִסִּים הִפְלֵאתָ בַּלַּיְלָה**, פֿיל וווּנדער האָסטו באַוויזן, גרויסער פֿאָרטשריט (פּראָגרעס), דורך די פֿינצטערע נעבט, דורך די נאַכט פֿון תוהו־ובֿוהו האָסטו אַרויסגעצויבערט אַ וועלט. דורך דער נאַכט האָט געהערשט אין קאַמף פֿון דעם אור־מענטשן האָסטו אויסגעצויבערט פֿאַרנונפֿט (חכמה) און ליכט, דורך דער נאַכט פֿון אַלטערטום האָסטו הערפֿאָרגעבראַכט (געבראַכט) ציוויליזאַציע און ווּיסנשאַפֿט, דורך די נעבט פֿון קנעכטשאַפֿט האָסטו הערפֿאָרגעבראַכט (געבראַכט) די רעטערין, די רעוואָלוציע. **קָרֵב יוֹם אֲשֶׁר הוּא לֹא יוֹם וְלֹא לַיְלָה**, עס נעהערט (נעגטערט) זיך איצטער אויך אַ טאָג, אַ שרעקלעכער טאָג, אין וועלכן טאָג מיט נאַכט וועלן קעמפֿן פֿירכטערליך (מוראַדיק), און פֿון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפֿעריי וועט דער אונערמידלעכער (אומפֿאַרמיַדלעכער) פֿאָרטשריט (פּראָגרעס) באַשאַפֿן די פֿרייַהייט פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן!

**וּבְכֵן – וַאֲמַרְתֶּם שֶׁבֶת רֵצַח**

[און אַזוי וועט מען זאָגן, אַז דער קעגנזייַטיקער מענטשן־מאָרד האָט אויפֿגעהערט].

**אוֹמֶץ גְּבוּרוֹתָיו**, זייַן אייבערמאַכט וועט דאָס פֿאָלק אויסשפּרייטן איבער אַלעס (אַלץ), וואָס מאַכט דעם לעבן ווערט צו לעבן.

**כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה**

ווייַל פֿאַר אים פּאַסט עס, אים געהערט עס.

**אַדִּיר בִּמְלוּכָה**, מעכטיק אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אַלגעמיינע וואַלן, **בָּחוּר כַּהֲלָכָה**, געוויילט ווי עס געהער צו זייַן (ווי געהעריק), דורך דעם אַלגעמיינעם ווילן פֿון פֿאָלק, וועלן די ריכטיקע פֿאַרטרעטער פֿון פֿאָלק רעגולירן אַלע געשעפֿטן פֿון דעם פֿאָלק, **גְּדוּדָיו יֹאמְרוּ לוֹ**, די גרויסע מאַסן וועלן זאָגן צו דיזער (דער דאָזיקער) פֿאַרוואַלטונג: **לְךָ וּלְךָ, לְךָ אַף לְךָ, לְךָ הַמֶּמְשָׁלָה, כִּי לוֹ נָאֶה, כִּי לוֹ יָאֶה!** דעם פֿאָלק געהערט עס, פֿאַר דעם פֿאָלק פּאַסט עס!

**אֶחָד מִי יוֹדֵעַ** [22]

אײנס ווער ווייס? אײנס ווייס איך: איין מענטשהייט איז דאָ אויף דער וועלט.

צוויי ווער ווייס? צוויי ווייס איך: אויף צוויי טיילן איז די מענטשהייט געטיילט: אָרעם און רײַך.

דרײַ ווער ווייס? דרײַ ווייס איך: קריסטלעכע דרײַאייניקייט פֿאַרפֿינצטערט די וועלט.

פֿיר ווער ווייס? פֿיר ווייס איך: די פֿיר יסודות באַהערשט די אַרבעט.

פֿינף ווער ווייס? פֿינף ווייס איך: אַלע פֿינף וועלט־טיילן קאָנטראָלירט דער קאַפּיטאַל.

זעקס ווער ווייס? זעקס ווייס איך: זעקס טעג אין וואָך ווערט אַן אַרבעטער פֿאַרשוואַרצט.

זיבן ווער ווייס? זיבן ווייס איך: זיבן טעג יום־טובֿ אין וואָך ציילט דער גבֿיר.

אַכט ווער ווייס? אַכט ווייס איך: פֿון אַכט טעג אַ ייִנגעלע לײַדט שוין פֿון דער רעליגיע.

נײַן ווער ווייס? נײַן ווייס איך: נײַן מאָנאַט און (כּדי) צו אַרבעטן דרײַ מאָנאַט ביזן טויט.**

צען ווער ווייס? צען ווייס איך: פֿון צען געבאָטן איז געוואָרן אַ תּרי״ג.

עלף ווער ווייס? עלף ווייס איך: עלף ברידער־הענדלער קאָנען נאָר רבנים און בטלנים פֿאַרגלייכן מיט עלף שטערן.

צוועלף ווער ווייס? צוועלף ווייס איך: צוועלף לעבער איז דאָ אין אַ טוץ בייגל, און דאָס איז כּנגד די צוועלף שבֿטים.

דרײַצן ווער ווייס? דרײַצן ווייס איך: אויף דרײַצן טויזנט כּפּרות טויג די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם!

**חַד עוֹבַדְיָא** ***

**חַד עוֹבַדְיָא**, חַד עוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא בַּטְלָן** וְאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וְאָתָא חֶנְוָנִי** וְאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא מַלְוֶה** וּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא בַּנְקִירָא** וְאָכַל לְמַלְוֶה, דְּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא בַּנְקְרוֹטָא** וְהִיכָּה לְבַנְקִירָא, דְּאָכַל לְמַלְוֶה, דְּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא קְרִיזִיסָא** וְשָׂרַף לְבַנְקְרוֹטָא, דְּהִיכָּה לְבַנְקִירָא, דְּאָכַל לְמַלְוֶה, דְּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא הָרֶבוֹלוּצְיָה הַגְּדוֹלָה** וְשָׁחֲטָה לְקְרִיזִיסָא, דְּשָׂרַף לְבַנְקְרוֹטָא, דְּהִיכָּה לְבַנְקִירָא, דְּאָכַל לְמַלְוֶה, דְּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

**וַאֲתָא הַסּוֹצִיאָלִיזְמוּס בָּרוּךְ הוּא** וְשָׁחַט לָרֶבוֹלוּצְיָה, דְּשָׁחֲטָה לְקְרִיזִיסָא, דְּשָׂרַף לְבַנְקְרוֹטָא, דְּהִיכָּה לְבַנְקִירָא, דְּאָכַל לְמַלְוֶה, דְּבָלַע לַחֶנְוָנִי, דְּאָכַל לְבַטְלָן, דְּאָכַל לְעוֹבַדְיָא, דְּזַבִּין אַבָּא מַסְטֶרָא בִּתְרֵי זוּזֵי — חַד עוֹבַדְיָא, חַד עוֹבַדְיָא.

## הערות

* צו ווערטער און אויסדרוקן, וואָס שטאַמען פֿון סלאַווישע אָדער דײַטשמערישע מקורים, האָבן מיר צוגעגעבן אין קײלעכדיקע קלאַמערן פּראָסטע ייִדישע ווערטער. די פּירעקיקע קלאַמערן שרײַבן מיר איבער פֿון טעקסט גופֿא. — דער רעדאַקטאָר.

** דער פּירוש פֿון 'ניין ווער ווייס' איז ניט קלאָר.

*** פּירושים: חַד עוֹבַדְיָא — איין אַרבעטער; דְּזַבִּין — וועלכן האָט געקויפֿט; אַבָּא מאַסְטֶרָא — מײַן טאַטע דער מײַסטער; בִּתְרֵי זוּזֵי — פֿאַר צוויי גילדן; וַאֲתָה — איז געקומען; — — די איבעריקע וועט יעדער בעל שׂכל אַליין פֿאַרשטיין; און ווער עס וועט ניט פֿאַרשטיין, וועט אים קיין פּירוש ניט העלפֿן. ובכן בא לעולם גואל במהרה בימינו אמן! (די 'פּירושים' שטייען געדרוקט שוואַרץ־אויף־ווײַס אינעם אָריגינאַל).